דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש
יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

מקץ
כ"ז כסלו תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:08 |
| מוצש"ק | 5:24 |
| ר"ת | 6:01 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:21 | סוז"ת א' | 9:28 |
| סוזק"ש ב' | 9:06 | סוז"ת ב' | 9:58 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': קט"ו
שנה ג'

## טיב הפרשה

# קדחו מזמרת הארץ והורידו לאיש

## דער לימוד פון יעקב אבינו פאר דער גלות איד

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר ווי אזוי די שבטים גרייטן זיך אראפצו־גיין קיין מצרים. די הייליגע שבטי קה זאגן פאר יעקב אבינו אז זיי גרייטן זיך אראפצוגיין קיין מצרים און אז זיי זענען זייער באזארגט פון דער משנה למלך אין מצרים.

יעקב אבינו האט דאן נאכגישט געוואוסט אז מען רעדט פון יוסף, ער עצה'ט זיי אז זיי זאלן מיטנעמען 'מזמרת הארץ' און רעכענט אויס אז זיי זאלן נעמען אביסל צרי, אביסל האניג און ניס און נאך זאכן.

מיר ווייסן דאך אז יעדע ווארט אין די תוה"ק איז אויסגערעכענט. ווען מען איז זיך מתבונן אין די געשעעניש לערנט מען ארויס א מורא'דיגער זאך. מען זעט ווי אזוי יעקב אבינו דער בחיר האבות איז צוגעגאנגען צו אזא זאך ווי זיך באציען צו א קעניג אין מצרים, איינער פון וועמען מען קען ליידן ציפקע צרות און זוכט נאר צו מאכן אויף זיי בילבולים.

עס וואלט געווען א סברא צו זאגן אז זיי זאלן זיך שלאגן מיט אים, אז מען זאל גיין מיט כח אדער מיט געוואלד, אבער יעקב אבינו האט אן אנדערע מהלך, ער וויל אז מען זאל גיין מיט שתדלנות, מיט געמיטליכקייט, אז מען זאל זיך בייגן דעם קאפ און זוכן ווי אזוי מען קען אים מפייס זיין.

די הנהגה לערנט יעקב אבינו פאר כלל ישראל, אז אויך ווען זיי וועלן זיין אין גלות זאלן זיי זיך פירן מיט אזא סארט הנהגה פון בויגזאמקייט.

די זעלבע הנהגה פון יעקב אבינו זעט מען אויך ווען ער איז זיך געגאנגען שלאגן מיט עשו הרשע. אויך ביי איר האט זיך יעקב אבינו ערשט געגרייט מיט א דורון, האפענדיג אז ער וועט קענען אויסמיידן צו גיין מיט א וועג פון מלחמה.

דאס איז א לימוד כלפי די אומות העולם, אבער אויך קעגן א צווייטן איד. עס מאכט זיך אסאך מאל אז מען איז אין א קאנפליקט מיט א צווייטן און מען האט די אויסוועג פון גיין הארט און מיט קאמף מיט יענעם, אבער פון יעקב אבינו זעט מען אז דאס איז נישט דער וועג.

דער בעל התניא ז"ע איז אמאל ארומגעפארן נאך געלט פאר א פדיון שבויים צוועק. ער איז אנגעקומען אין א שטאט און זיך אינטערעסירט ווער זענען די גבירים, די אדרעסן צו וועמען מען קען גיין נאך געלט. מען האט אים אנגעוויזן אויף עטליכע, צווישן זיי איין גביר וואס איז קארג און געבט נישט קיין צדקה.

דער בעל התניא האט געזאגט אז דווקא צו אים וויל ער גיין. ער איז ארויף צו זיין שטוב און נאכ'ן זאגן פארוואס ער קומט האט אים דער עושר געגעבן א קאפיקע. דער בעל התניא האט גענומען דאס געלט און זיך אנגעהויבן באדאנקען פאר אים און אים אנגעווינטשן אלע

<<< | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# לעבן מיט חשבון...

אמאל איז געקומען א איד צו דער הייליגער חפץ חיים, און ער האט זיך באקלאגט פאר אים אז אין דער פארגאנגענהייט האט ער געהאט פרנסה בהרחבה, און דע־ריבער האט זיך געפירט מיט ברייטקייט פאר זיינע בני בית, און אויסגעגעבן פילע הוצאות פאר די טאג־טעגליכע קאסטן, אבער יעצט האט זיך דער מזל איבערג־עדרייט ל"ע און ער איז געווארן א ביטערער ארימאן, און ער האט אפילו נישט פאר די לעבנסוויכטיגע הוצאות פונעם טאג־טעגליכע לעבן פאר זיין הויזגעזינד. האט דער הייליגער חפץ חיים געזאגט צו אים: וויסן זאלסטו, אז צומאל געבט דער אויבערשטער פארן מענטש א גרויסן שפע אויפאמאל, וואס זאל זיין גענוג פאר אים פאר זיין גאנצן לעבן, און ער דארף עס האלטן און זיך באנוצן דערמיט אויף א באשטימטן אופן פאר לאנגע יארן, אבער דו, האסט אויסגענוצט אלעס וואס דו האסט געהאט, און ממילא איז דיר יעצט גארנישט געבליבן, ווייל דו האסט שוין אויפגעגעסן די פרנסה פון היינט.

אין די פרשה פון די וואך לערנען מיר, אז נאכדעם וואס יוסף האט פותר געווען דעם חלום פון פרעה, האט ער אים פאָרגעשלאגן אן עצה צו איינשפאָרן אין די זאַטע יארן און אוועקלייגן די עסן פאר די הונגער יארן. דארף מען פארשטיין, אייגנטליך האט דאך פרעה נישט געבעטן פון יוסף, נאר דאס אז ער זאל אים ענטשיידן דעם חלום, וויבאלד אזוי האט ער געהערט פונעם שר המשקים אז יוסף איז א פותר חלומות, ער האט אבער נישט געבעטן פון אים אן עצה, אויב אזוי פארוואס האט אים יוסף געדארפט געבן אן עצה דארט וואו מען האט אים נישט געבעטן?

אבער לויט די אויבנדערמאנטע מעשה, וועלן מיר קענען פארשטיין פארוואס יוסף האט אזוי געטון, ווייל וויבאלד עס איז אנטפלעקט געווארן פאר יוסף דעם ענטשיידונג פונעם חלום, האט ער פארשטאנען אז מיט די זעלבע הנהגה וויל זיך דער אויבערשטער פירן מיט די מצריים, און ער האט פארשטאנען אז די גאנצע כוונה פונעם חלום איז צו ווייזן פאר פרעה וויאזוי זיך צו שפייזן אין די קומענדיגע פערצן יאר, אז ער זאל זיך אויך אזוי פירן, און אויך אויב ער וועט האבן א גרויס שפע פון עסן זאל ער עס נישט אויסברענגען, און וויבאלד דער תכלית פונעם ענטשיידונג פון דער חלום איז געווען אט די עצה, דעריבער האט יוסף הצדיק געמוזט געבן פאר פרעה די עצה, ווי צו אכטונג געבן אויפן שפע פון תבואה אז עס זאל נישט גיין צוגרונד, און עס זאל זיין אפגעהיטן אויך פאר די הונגער יארן.

אט די הנהגה, אויסערדעם וואס עס איז א גוטע עצה, איז עס פאסיג פאר יעדער איד, וויבאלד דער תכלית פון אונזערע גשמיות'דיגע געברויכן איז דאך כדי מיר זאל זיך קענען דערהאלטן און אנגיין מיט אונזער לעבן, און נישט חלילה לשם תאוה. און אזוי זעען מיר אין די פרשה פון די וואך, אז ווען יעקב אבינו האט געבעטן פון זיינע קינדער אז זיי זאלן קויפן עסן אין מצרים, האט ער נאר געב־עטן לויט זיין געברויך, זאגנדיג 'ונחיה ולא נמות', וויבאלד זיין גאנצע באגער אין גשמיות איז נאר געווען 'כדי חייו', און אזוי האט ער זיך אויך אויסגעדרוקט א צווייטע מאל, זאגנדיג 'שובו שברו לנו מעט אוכל', נאר אביסל, לויט וויפיל מען דארף, און נישט מער.

(עפ"י טיב התורה – מקץ)

טיב ההודעות
מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

ברכות. דער איד זעענדיג וואס דער בעל התניא טוט האט אים געגעבן נאך א קאפיקע. יעצט האט דער בעל התניא געדאפלט זיינע ברכות און דער איד האט געגעבן נאך א קאפיקע.

יעצט האט דער בעל התניא נאך אמאל געזאגט דברי ברכה און ער האט געגעבן נאך געלט. אזוי האט זיך דער רעדל געדריידט ביז ווען דער איד האט אים געעפענט זיין לעדל און געזאגט פאר'ן רבי'ן אז ער קען נעמען וויפיל ער וויל.

דער בעל התניא האט געמאכט א חשבון וויפיל געלט ער דארף פאר'ן צוועק און עס גענומען פון דארט און זיך באדאנקט פאר יענעם.

שפעטער האט דער בעל התניא געגעבן צו פארשטיין אז מיט די ברכות האט ער געבראכן זיין הארץ, און דערציילט אז דער עושר איז אייביג געווען איינג־עוואוינט אז ווען מען קומט צו אים נאך געלט און ער געבט א קאפיקע שרייט מען אים אן הייתכן אז ער געבט אזוי ווייניג.

די טענות וואס מען האט אויף אים איז גורם אז ער זאל ווערן הארטער ביי זיך און נישט וועלן געבן מער געלט, און די רעדל דרייט זיך אן אויפהער און ער קען זיך נישט ארויסזען פון איר.

דא האט זיך די מעשה אויסגעשפילט אויף פארקערט. דערהאלטנדיג די קא־פיקע האט ער באקומען א ברכה. אויטאמאטיש איז זיין הארץ געווארן ווייכער און ער האט געגעבן נאך. דערהאלטנדיג נאך האט ער געוואלט געבן נאך, און אזוי האט זיך געפירט אז ער איז געווארן ווייכער און ווייכער ביז ווען זיין האר־טער הארץ איז געווארן אינגאנצן ווייעך.

די מעשה איז א מורא'דיגע לימוד איבער די כח פון רעדן ווייעך. עס ווייזט אז מער ווי מען קען אויפטון מיט רעדן שטרענג איז דא כח אויפצוטון מיט'ן רעדן ווייעך.

עס איז זיכער דא פעלער ווען מען דארף רעדן הארט, אבער מען קען אייביג פראבירן צו רעדן ווייעך און דאס זאל ברענגען די געווינטשענע השפעה ווי יעקב אבינו האט זיך געפירט שיקנדיג קיין מצרים מתנות.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל קענען אנקומען צו דעם, און אייביג האבן די ריכטיגע ישוב הדעת און קענען בלייבן רואיג און גיין אין די וועגן פון יעקב אבינו ע"ה.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# א תפילה אילה באילה

פון די שווערסטע צייטן אין טאג זענען די צופרי שעה'ן.

אין די צייט יאגט זיך יעדער איינער, די עלטערן מיט די קינדער, די טאטעס צו די ארבעט אדער צו די כולל.

די געיעג איז אזוי גרויס אז נישט אלעמאל האט מען די רואיגקייט צו דאווענען ווי עס דארף צו זיין, און עס טרעפט זיך אסאך ביי אידן וואס דאווענען שנעל אין די צופרי שעה'ן.

אמאל האב איך אנטיילגענומען אין א שיעור וואו מורינו שליט"א האט ארומגערעדט וועגן די נושא, און דערציילט אז ער קען א איד וואס איז א גרויסער ביזנעסמאן און איז מקפיד יעדן טאג צו דאווענען באצייטנס מילה במילה.

דערביי האט מורינו שליט"א דערציילט אז ער האט אמאל געפרעגט דעם איד פון וואו קומט צו אים די הנהגה? דער איד האט דערציילט א מורא'דיגער זאך. ער האט דערציילט אז ער איז א וויכטיגער פערזאן וואס האנדלט אסאך מיט גרויסע געלטער און פראיעקטן.

נאטורליך מאכט זיך אסאך אז ער דארף זיך טרעפן מיט אידן אויף באגעגענישן און ער האט באמערקט ווי ווען עס קומט צו געשעפטן זאכן וועלן אידן אייביג זיין באצייטנס, נישט נאר זענען זיי באצייטנס, נאר אסאך מאל וועלן זיי זיצן אוןווארטן שעה'ן לאנג פריער, נאך איידער דער מענטש קומט צוגיין, ער זאל אנקומען.

"איך האב זיך געמאכט א קל וחומר", זאגט דער איד און אנגעהויבן קומען באצייטנס צום דאווענען.

דער איד האט אויסגעפירט אז פון ווען ער פירט זיך אזוי זעט ער א ברכה אין זיין ארבעט, די הצלחה לויפט אים נאך.

הערנדיג די געשיכטע און וויסנדיג אז ביי מיר איז דער דאווענען מצב נישט אזוי פויגלדיג, האב איך באשלאסן אז איך גיי זיך נעמען אין די הענט אריין.

ווי אייביג, ביי די סארט קבלה'ס, האב איך די נעקסטע צופרי פארגעסן פון די קבלה, דער טאג איז אריין אין שוואונג און איך האב זיך געטראפן אין געיעג צום דאווענען. איך האב געוואלט ארייגלויפן כאפן א מנין און אט דערמאן איך זיך פון מיין קבלה טובה און איך בין געבליבן שטיין עטליכע מינוט, איך האב מחליט געווען ביי מיר אז א קבלה איז א קבלה און זיך אויסגעזוכט א רואיגער מנין און זיך אנגעשלאסן אין איר.

אריינקומענדיג צו יענער מנין האב איך אנגעהויבן דאווענען פאמעליך, ווארט ביי ווארט, נאר ווען איך האב געענדיגט דאס דאווענען בין איך אהיימגעגאנגען פון שול.

איך האב געהאט א ווערלט אנצויאגן, און איך האב געשפירט ביי מיר ווי איך וועל עס נישט קענען אניאגן, איינס פון די זאכן וואס איך האב געדארפט מאכן איז געווען צוגיין צו איינעם אפנעמען געלט. זייענדיג זיכער אז עס איז שוין צי שפעט, האב איך עס אפגעשטופט.

איך האב זיך שוין געהאט מייאש געווען, איך גיי ארויס פון גאס און יענער שטייט פאר מיינע אויגן.

"איך דארף דיר געבן געלט", זאגט יענער, אן וואס איך זאל ארויסזאגן א ווארט פון מויל.

איך האב צוגעשטימט מיט אים, יענער האט נישט געצעגערט, ער האט ארויסגענומען געלט פון טאש און עס מיר געגעבן.

יענער טאג האט די הצלחה געשיינט, וואו איך בין געגאנגען און וואו איך בין געקומען האב איך מצליח געווען.

איך האב איינגעזען אז די תפילה ברענגט די ברכה - פון יענער טאג און ווייטער בין איך מקפיד צו דאווענען יעדן טאג מסודה, און איך זעה א גרויסע ברכה אין מיין טאג.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ש.י.]




די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# חנוכה – דער 'גְּמַר חִתּוּם הַדִּין'

**"וְאֶת יְהוּדָה שָׁלַח לְפָנָיו אֶל יוֹסֵף, לְהוֹרֹת לְפָנָיו גֹּשְׁנָה"** מ, יד

עס איז באוואוסט דער רמז וואס איז מרומז אין אט דעם פסוק אין אונזער פרשה, איבערן הייליגן מנהג פון אידישע קינדער, אז אין די הייליגע טעג פון **חנוכה** דרייט מען מיטן **דריידל**, אויף וועלכן עס איז אויסגעקריצט די ווערטער: "**נ**'ס **ג**'דול **ה**'יה **ש**'ם", וואס די ראשי-תיבות דערפון איז "**גשנה**".

און דאס לערנט אונז, אז אויך דערפאר האט יעקב אבינו ע"ה געשיקט יהודה פאראויס קיין מצרים אנגרייטנדיג אלע גלות'ן פון אידישע קינדער, אין כלל פון 'גלות מצרים' וועלכע איז געווען דער שורש פון אלע גלות'ן. און דעריבער איז אויך דער גרויסער נס וואס איז געווען אום חנוכה, האבן שוין די הייליגע אבות ע"ה אנגעגרייט פאר אונז. זע אינעם ספר הקדוש **בני יששכר** אויף חנוכה (מאמר ב' ס"ק כ"ה, און דארט אין די הגהה), וואו ער האט מאריך געווען אין דעם מיט וואונדערליכע רייד.

און פאלגנד איז דער לשון פונעם ספה"ק **צמח צדיק** (מועדים חודש כסליו): "יֵשׁ לוֹמַר רֶמֶז לָמָּה שֶׁנָּהֲגוּ הַנְּעָרִים לִשְׂחוֹק בַּחֲנֻכָּה בְּמַה שֶּׁקּוֹרִין 'דְרֶעדִיל', וְכוּ' תְּבִין עָלָיו: ג' שָׁנָ"ה. דְּאִיתָא בַּסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים כִּי בַּחֲנֻכָּה הוּא הַגְּמַר טוֹב מֵהַשָּׁנָה, כמ"ש (תהלים צ, ג) 'תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד דַּכָּ"א', שֶׁגִּימַטְרִיָּא כ"ה בְּכִסְלֵיו. – וְלָכֵן כּוֹתְבִין 'ג' שָׁנָה', שֶׁהוּא רָאשֵׁי תֵּבוֹת 'גְּמַר שָׁנָה', שֶׁאָז הוּא הַגְּמַר מֵהַשָּׁנָה, וּצְרִיכִין לָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְטוֹבָה", עכל"ק.

->•<-

**הרה"ק רבי ישראל מבלאזשוב זצוק"ל**, איז געווען באוואוסט מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל וואס האט געפלאקערט אין אים. מיט א געוואלדיגע ליבשאפט האט ער מקרב געווען אידישע קינדער אין אמעריקע, און אסאך מאל איז אים געלונגען צו מחזיר בתשובה זיין אזעלכע אידן וועלכע האבן ליידער אפגעלאזט דעם עול תורה ומצוות, אינעם נידעריגן צושטאנד פון אידישקייט אין יענע צייטן אין אמעריקע.

איינער פון זיינע באקאנטע איז געווען א יונגער אידישער מענטש, וואס נאכגעפאלגנדיג די שרעקליכע וועלט-מלחמה, ווען ער האט פארלוירן זיין גאנצע משפחה, האט ער זיך זייער שטארק דערווייטערט פון אידישקייט. – איידער די וועלט מלחמה, האט זיך זיין משפחה גערעכנט צווישן די בלאזשובער חסידים, און אויך ער, טראצדעם וואס ער האט ליידער פארלאזט דעם אידישן וועג האט ער נישט אינגאנצן אפגעריסן זיין פארבינדונג מיטן הייליגן הויף, און פון צייט צו צייט פלעגט ער אנקומען צום הייליגן רבי'ן, בפרט ביי ספעציעלע געשעענישן און אין ימים טובים א.ד.ג.

אין איינע פון די געהויבענע טעג פון חנוכה, איז דער איד געקומען זיך צו באטייליגן ביים מעמד ההדלקה ווי זיין שטייגער, און דאסמאל האט ער מיטגעברענגט מיט זיך פארן רבי'ן א גרויסער און טייערער געשאנק: גאר א קעניגליכע און פראכטפולע מנורה לכבוד חנוכה, וואס איז געווען אינגאנצן געמאכט פון ריינע גאלד, און באצירט מיט הערליכע מאלערייען, פארמאגנדיג א הערליכע שיינקייט! אט די מנורה האט באלאנגט פארן הייליגן **שרף פון רוזשין זצוק"ל זי"ע**. צוריק מיט דורות פריער, האט מען עס אפגעקויפט ביי אים אין די משפחה, פאר א ריזיגן פארמעגן מיט געלט, און אזוי איז עס אריבער בירושה פון איין דור צום אנדערן, ווען מען געבט זייער שטארק אכטונג דערויף. בהשגחה עליונה איז אים געלונגען במסירות נפש צו באהאלטן אט דעם 'בוצינא קדישא' אין די שרעקליכע צייטן, און עס אויך מיטגעברענגט מיט זיך קיין אמעריקע נאך די מלחמה. און יעצט, ווייבאלד ער האט ליידער פארלאזט דעם תורה'דיגן וועג, און שוין עטליכע יאר וואס ער האט רח"ל נישט אנגעצינדן חנוכה ליכט, האט ער באשלאסן אז עס פאסט נישט איבערצולאזן אזא הייליגע מנורה ביי איינער אזוי ווי ער, און ער וויל עס געבן במתנה פארן הייליגן רבי'ן.

דער רבי איז זייער באגייסטערט געווארן זעענדיג דעם פראכטפולן מנורה, אין וועלכע דער הייליגער און וואונדערליכער צדיק האט אנגעצינדן די הייליגע חנוכה ליכט, און ער האט לאנג געקוקט דערויף, זיך פארטיפנדיג אין זיינע הייליגע מחשבות.

נאך א לאנגע צייט, האט זיך דער רבי אויפגעכאפט פון זיין טיפע דביקות און זיך פארטראכטן אין די הייליגע מנורה, און ער האט זיך אנגערופן צו אים: איידער איך וועל אננעמען פון דיר אט די וואונדערליכע מתנה, בעט איך דיר אז דו זאלסט מיר ענטפערן אויף מיין פראגע:

זאג מיר נאר דעם אמת, וואס איז געווען דיין געפיל צו אט דעם לויטערן מנורה, דורכאויס אלע יארן וואס עס האט געגרוט ביי דיר אינדערהיים?

ער האט זיך אביסל געוואונדערט הערנדיג אזא מאדנע פראגע וועגן "געפילן"... – אבער דער צדיק האט געשפירט ברוח קדשו, אז די געוואלדיגע קדושה פון די מנורה האט משפיע געווען אויף אט די פארבלאנדזשעטע נשמה, און ער פילט זיך נישט רואיג מיט זיינע מעשים...

טרערן האבן גענומען פליסן פון זיינע אויגן, און ער האט געזאגט: איך וועל מודה זיין על האמת, אז יעדן מאל וואס איך האב געקוקט אויף די מנורה, וואס איז געשטאנען אויסגעגלאנצט אינעם זילבער-שאפע אין מיין הויז, האב איך זייער שטארק געשעמט מיט מיינע מעשים, אסאך מאל האב איך געוויינט נעבן די מנורה איבער מיין מצב וואס איז ליידער אזוי ווייט פון די געהויבענע רוחניות'דיגע מדריגות פון די הייליגע צדיקים וועלכע האבן זיך באנוצט מיט אט די הייליגע מנורה!

הערנדיג זיינע ווערטער, האט דער רבי געזאגט צו אים: אויב אזוי, וועל איך נישט אננעמען פון דיר דעם געשאנק! איך בעט דיר, לאז די מנורה אויף איר ארט, ביי דיר אינדערהיים, כדי עס זאל כאטש בלייבן א 'פונק' אין דיין הארץ, פון התעוררות און קרבת אלקים.

דער מענטש האט אנגענומען, און צוריק אהיימגענומען די מנורה צו זיך אינדערהיים, און צום גרויסן וואונדער האט ער מיט א צייט שפעטער חוזר בתשובה געווען, און ער איז נתקרב געווארן מיט זיין גאנצן הארץ און זעל צום הייליגן רבי'ן, און ער פלעגט שטענדיג דאנקען דעם רבי'ן דערפאר וואס ער האט נישט געוואלט נעמען פון אים די מנורה, ווייל דורכדעם וואס ער האט זיך אזויפיל מתבונן געווען אין די לויטערע מנורה, האט זיך זיין השקפה איבערגעדרייט, און ער האט זיך צוריקגעקערט לצור מחצבתו בקודש.

->•<-

דער בית המדרש פונעם **טאלנער רבי זצוק"ל** אינעם **בית וגן**, איז געווען גאנץ קליין און ענג, און אין די יומי דפגרא און אין די צייטן פון די ימים טובים, ווען עס זענען געקומען פילע אורחים צו זיין הייליגן הויף, איז געווען זייער צושטופט אינעם בית המדרש.

אין איינע פון די טעג פון חנוכה, ביים מעמד ההדלקה, איז געווען גאר א גרויסע שטופעניש, און וויפיל די געטרייע גבאים האבן פראבירט צו דערווייטערן די פארזאמלטע פון דעם רבי'נס מנורה, און פונעם רבי'ן אליין וואס איז געזעסן נעבן זיי, זייענדיג פארטיפט אין זיין הייליגע עבודה, איז עס זיי נישט געלונגען!

פלוצלונג, צוליב דעם געוואלדיגן שטופעניש, האט איינער פון די בחורים בטעות איבערגעדרייט די גאנצע מנורה... די ליכט האבן זיך פארלאשן, די גלעזלעך האבן זיך צובראכן, און די גאנצע אויל האט זיך אויסגעגאסן...

דער בחור איז שרעקליך דערשראקן געווארן, און צוטרייסלט געווארן ביז די טיפענישן פון זיין נשמה! ער האט נישט געקענט גלייבן וואס ער האט דא אנגעמאכט... דער גאנצער ציבור האט אויפגעהערט פון די געהויבענע געזאנג וואס זיי האבן געהאלטן אינמיטן זינגען... א שטילקייט האט געהערשט אינעם בית המדרש, ויהי המקום לחרדת אלוקים!

אבער דער רבי דער צדיק האט זיך גלייך אריענטירט, און האט זיך גלייך געוואנדן צו דער בחור, און מיט א לעכטיגקייט האט ער אים געזאגט, אז יעצט, אין זיין זכות, וועט ער קענען מקיים זיין די הלכה וואס ווערט גע'פסק'נט אין **שולחן ערוך** (או"ח סי' תרע"ג ס"ב): "כָּבְתָה אֵין זָקוּק לָהּ"! מיט א שמייכל האט ער צוגעגעבן, אז עס איז אים נאך קיינמאל נישט אויסגעקומען מקיים צו זיין אט די הלכה, און יעצט, ווען די מנורה האט זיך איבערגעקערט און די ליכט האבן זיך פארלאשן, וועט ער קענען מקיים זיין אט די הלכה בהידור!

און ווירקליך האט דער רבי נישט צוגעשטימט צוריק אנצוצינדן די חנוכה ליכט, כדי מקיים צו זיין דעם דין פון "כבתה אין זקוק לה", און ער האט נאר געהייסן אז מען זאל אויפהייבן די מנורה, און מען זאל ווייטערגיין מיט די הייליגע זמירות!

->•<-

זיין וואונדערליכע ענוה איז געווען באקאנט און איז ממש געווען א שֵׁם-דָּבָר. ווען ער איז אמאל געלאדנט געווארן צו אן אסיפה פון רבנים און אדמור"ים, איז ער דארט אנגעקומען איינער פון די ערשטע, און האט זיך אוועקגעזעצט אין צענטער פונעם אויבנאן, ביים חשוב'סטן פלאץ נעבן דעם מיקראפאן... עס זענען נישט אריבער מער ווי עטליכע מינוט, און אט איז צוגעקומען צו אים איינער פון די ארגאניזירער פונעם מעמד, און האט אים איידעלערהייט אויפגעמ-

המשך אין עמוד ד'

ערקט אז דא איז נישט זיין פלאץ, וויבאלד דער ארט איז באשטימט פאר איינער פון די זקני הדור. הערנדיג די ווערטער, האט זיך דער רבי גלייך אויפגעהויבן פון פלאץ, און האט זיך געזעצט ביים ברעג פונעם טיש.

אביסל שפעטער, נאכדעם וואס אט דער צדיק האט געענדיגט זיין דרשה און איז אוועקגעגאנגען, האט זיך דער טאלנער רבי אויפגעהויבן פון פלאץ, און האט זיך צוריקגעזעצט אויפן זעלבן פלאץ וואו ער איז פריער געזעצן... און ווידעראמאל האט דער אויפזעער אים געדארפט אויפמערקן אז דאס איז נישט זיין פלאץ, וויבאלד נאך איינער פון די גדולי הדור דארף באלד אנקומען... און גלייך האט זיך דער רבי בשמחה אויפגעהויבן און איז צוריקגעגאנגען צום ברעג פונעם טיש.

אויפן וועג אהיים, האט זיך דער באגלייטער פונעם רבי'ן, וועלכער איז געווען זיין אייניקל, זיך באקלאגט פארן רבי'ן, פארוואס האט ער זיך 'בידיים' געמאכט אזעלכע בושות? פארוואס האט ער געדארפט דווקא פארכאפן דעם בעסטן ארט, כאטש ער האט געוואוסט אז מען וועט אים גלייך אוועקשיקן פון דארט?...

האט אים דער רבי געענטפערט: נו, וואס זאל איך טון? איך האב זייער הנאה צו הערן ווי מען זאגט מיר אז דאס איז נישט פאר מיר... איך האב זייער געוואלט נאכאמאל הערן ווי מען זאגט מיר אז דאס איז נישט מיין פלאץ...

->•<-

**איינער פון די חשוב'ע רבנים שליט"א אין ירושלים עיה"ק תובב"א**, האט אמאל געטאפט אין זיין קעשענע אין איינע פון די חנוכה טעג, און ער האט דארט געטראפן א גרינעם **הונדערט דאלער** באַנקנאָט (100$), וואס ער האט זיך נישט געקענט דערמאנען ווען ער האט עס דארט געלייגט... ער האט זיך פראבירט צו דערמאנען פון וואו עס איז דארט אנגעקומען... ער האט נישט געקענט געדענקען אז ער האט אמאל געהאט ביי זיך א הונדערטער דאלער, און עס איז אים געווען א גרויסער חידוש עס צו טרעפן ביי זיך אין טאש.

וויבאלד דער חשוב'ער רב פירט אָן ביי זיך אינדערהיים א גרויסן און באוואוסטן גמ"ח, האט ער מורא געהאט טאמער ער האט באקומען פון איינער פון די באַרגער בלויז ניין הונדערט דאלער (900$) אנשטאט טויזנט, אדער פארקערט, אז איינער פון די באצאלער, האט ביים באצאלן זיין חוב, צוריקגעצאלט הונדערט דאלער מער.

ער האט געהייסן פארן גבאי וואס האט געהאלטן די חשבונות פונעם גמ"ח, וועלכער האט אנגעקלינגען אלע מענטשן וואס זענען געקומען בארגן אדער באצאלן אין יענעם טאג, און געפרעגט צי עס פעלט מעגליך פאר איינעם פון זיי א הונדערטער, אבער זיי האבן אלע נאכגעקוקט און געזאגט אז עס פעלט גארנישט פון זיי.

אזוי איז דער הונדערטער געלעגן אינעם רב'ס טאש, אן צו זיך קענען דערמאנען וויאזוי און פארוואס די געלט איז דארט אנגעקומען.

אויפצומארגנס איז פארגעקומען א חנוכה מסיבה אינעם תלמוד תורה פונעם חשוב'ן זון פונעם רב, לכבוד א גרויסן סיום וואס מען האט געמאכט אין חדר, און האבן זיך פארהערט גאנצע פרקים פונעם מסכתא וואס מען לערנט יעצט אין תלמוד תורה.

די חשוב'ע רעבעצן תחי' האט צוגעגרייט א ספעציעלן 'קוכן' לכבוד די שמחה פונעם קינד, אבער אינדערפרי ווען דער אינגל איז געגאנגען אין חדר, איז דער קוכן נאכנישט געווען גרייט. און דעריבער האט זי געבעטן פון איר מאן, דער חשוב'ער רב, ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון הויז, אז ער זאל ביטע מיטנעמען מיט אים דעם גרויסן קוכן, און עס ברענגען צום תלמוד תורה לכבודה של מצוה.

ווען דער רב איז אנגעקומען צום תלמוד תורה, האט ער זיך אפגעשטעלט פאר א רגע, און ארויסגענומען פון זיין טאש דעם בערזל און ארויסגענומען פון דארט א סומע געלט צו געבן פארן מלמד פאר 'חנוכה געלט' כנהוג. ווען ער האט ארויסגעצויגן דעם בערזל פון טאש, איז אויך ארויסגעפאלן דער אומבאקאנטער הונדערט דאלער, וואס איז דארט געבליבן פונעם פריערדיגן טאג. – דער רב האט נישט באמערקט ווי דער הונדערטער איז ארויסגעפאלן, און אויך די דערנעבנדיגע מענטשן האבן עס נישט באמערקט.

דער רב איז אריינגעגאנגען אינעם זאל פונעם תלמוד תורה, און מיט א ליכטיג געזיכט אראפגעלייגט דעם שיינעם קוכן, און געגעבן א הארציגע ברכה פאר די תלמידים מיט זייער רבי, און אזוי שטילערהייט האט ער אריינגערוקט די געלט פארן מלמד, און האט שוין געוואלט גיין זיין וועג. און אזוי ארויסגייענדיג פונעם תלמוד תורה, האט ער באגעגנט א איד, וועם ער האט געקענט אלס אריימאן, וועלכער האט נארוואס געטראפן א 100$ אויף דער ערד, און ער וויל יעצט טון דערמיט די מצוה פון השבת אבדה, און אזוי איז ער צוגעגאנגען צו יעדן איינעם וואס ער האט געטראפן, פרעגנדיג וועמענ'ס עס איז.

ווען ער איז צוגעגאנגען צום רב, און אים געפרעגט צי עס איז אפשר אראפגעפאלן פון אים געלט? האט דער רב אנגעטאפט זיין טאש, און האט גלייך באמערקט אז די געטראפענע געלט איז דאס וואס ער האט נעכטן געטראפן אין זיין טאש, און ווי עס זעט אויס איז עס פון אים אראפגעפאלן. – דער רב האט גלייך פארשטאנען מיט זיין געהויבענע גייסט, אז דער אויבערשטער האט צוגעפירט בהשגחה עליונה אז ער זאל ארייגלייגן די געלט אין זיין טאש אן צו באמערקן, כדי עס זאל ענדליך אנגעקומען צו אט דער תלמיד חכם און אים דערפרייען.

דער רב האט זיך געווענדן צו דער איד, און נאכן געבן עטליכע סימנים, האט ער זיך אנגערופן צו אים: עס איז טאקע ריכטיג אז די געלט איז אראפגעפאלן פון מיר, און יעצט געב איך עס דיר במתנה, לכבוד חנוכה!

דער איד האט זיך זייער געפריידט מיט די מתנה, און האט זיך הארציג באדאנקט פארן רב פון די טיפעניש פון זיין הארץ!

דערנאך האט זיך דער רב אנגערופן צו זיין באגלייטער, און געזאגט צו אים: זע נאר, ווי גרויס זענען די מעשים פון אונזער באשעפער! און אט זעען מיר דא דעם '**טיב ההשגחה**'. אזויפיל סיבות זענען דא געווען פונעם מסבב כל הסיבות, ביז מיט זיין גרויס רחמנות איז דאס געלט אנגעקומען צו דער מענטש וואס האט עס אזוי שטארק געדארפט. צום ערשט, איז געווען א פייערונג אינעם תלמוד תורה, און דערנאך איז די קוכן נישט גרייט געווען צו דער צייט... אזוי אויך האט ער מיר געמאכט פארגעסן פון די געלט וואס איך האב אריינגעלייגט אין מיין טאש, צו וויסן פון וואו עס איז געקומען... כדי דערפון זאל איך פארשטיין אין די ריכטיגע מינוט, פאר וועלכע מצוה פון צדקה עס איז באשטימט געווארן... און אויך אז די געלט איז אראפגעפאלן פונקט דארט וואו דער ארימאן האט געדארפט אריבערגיין, און בהשגחה פרטית האבן אויך די אנדערע דורכגייער עס נישט באמערקט... ביז מען האט צוזאמגעשטעלט דעם תלמיד חכם וואס האט עס געפינען, און דער חשוב'ער רב וואס איז פונקט דעמאלטס ארויסגעגאנגען פונעם בנין... כדי ער זאל אים קענען געבן דאס געלט במתנה, און מקיים זיין דערמיט **מצות צדקה בהידור!**

**דאס לערנט אונז א וויכטיגע פרק אין אמונה והשגחה, אז דער וואס די געלט דארף אנקומען צו אים, וועט עס אנקומען צו אים וויאזוי עס זאל נאר זיין! – ווייל ווען מען לעבט מיט אמונה, און מען אטעמט השגחה פרטית, קען מען באמערקן און זען בחוש ביי יעדן געשעעניש, כַּמָּה גְּדוֹלִים מַעֲשֵׂי הַבּוֹרֵא! וויאזוי דער גרויסער באשעפער פירט זיין וועלט מיט אזא געוואלדיגע און וואונדערליכע השגחה!**

***

**"זאת חנוכה"** בביתו נאוה קודש פון איינער פון די **גדולי הדור שליט"א**. דער קהל הקודש גייען אריבער איינער נאכן אנדערן נעמען זיין הייליגע ברכה, און רעכענען אויס זייערע בקשות אין אט דעם גרויסן טאג, וואס איז אזוי מסוגל געבענטשט צו ווערן.

ווען דער צדיק האט געוואונטשן פאר איינער פון די דורכגייער מיט די אנגענומענע ברכה: **ימלא ה' כל משאלות לבך לטובה!** – האט זיך דער איד אנגערופן: דאס איז דאך א ברכה פארן אויבערשטן! פון מיין זייט איז דאך דאס נישט מיין געשעפט, צי דער אויבערשטער וועט ערפילן מיין וואונטש אדער נישט... זאל דער אויבערשטער טון דאס וואס איז ריכטיג צו טון, און דאס וואס ער וויל טון. – וואס איך בעט איז א פארקערטע ברכה, אז איך זאל ערפילן אלעס וואס דער אויבערשטער וואונטשט זיך און וויל פון מיר!... ווייל דאס ליגט דאך יא ביי מיר אין די הענט, און דאס איז דאך דער עיקר תכלית צוליב וועלכע איך בין געשיקט געווארן אויף דער וועלט, און דערויף בעט איך די ברכה פונעם רבי'ן, אז איך זאל זוכה זיין **לעשות נחת רוח לבוראי יתברך שמו.**

מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח
יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com
יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173